**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 7/15/2024 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול מעלדט דריטע רונדע פון ביאדעפענס קאמערשעליזאציע געלטער באלוינונג צו באקעמפן אנשטעקיגע קראנקהייט דראאונגען**

***צום דאטום, איז איבער 25 מיליאן דאלער באלוינט געווארן צו 11 נייע און 16 אקעדאמישע אינסטיטוציעס***

***3 מיליאן דאלער פאר רונדע דריי באלוינטע מיט א דגש אויף שנעלע און פונקטליכע דיאגנאזעס און באאבאכטונג געצייג***

***האלטן ניו יארק סטעיט די פארגעשריטנסטע אין אנשטעקיגע קראנקהייט אנטדעקונג און אנטוויקלונג***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט געמאלדן די דריטע רונדע פון באלוינטע פאר די 40 מיליאן דאלער ניו יארק סטעיט בייאדעפענס קאמעשעליזאציע געלטער. די פראגראם איז געשאפן געווארן צו פאראויסריקן די אנטוויקלונג און קאמערשעליזאציע פון לעבן סייענס חידושים וואס אדרעסירן ערנסטע אנשטעקיגע קראנקהייט דראאונגען, אריינגערעכנט קאוויד-19 און אירע צוגלייכן, בשעת'ן אויך שאפן פאסטנס און מוטיגן אנגייענדע וואוקס לענגאויס ניו יארק'ס איסגעברייטערטע לעבן סייענס אינדוסטריע. ווען די עמפייער סטעיט אנטוויקלונג באורד פון דירעקטארן ( Empire State Development Board of Directors) וועלן עס באשטעטיגן, וועלן פיר טיילונגען ווערן באלוינט פאר די רונדע, פארשטעלנדיג א פאראייניגטע באשלוס פון איבער 3 מיליאן דאלער.

"צו באשיצן די געזונטהייט פון ניו יארקער און קומענדיגע דורות, פארזיכערן מיר אז ניו יארק סטעיט איז א פירער אין די העכסטע קוואליטעט אנשטעקיגע קראנקהייט אנטדעקונג," **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "די באלוינונגען וועלן ווייטער צוציען באדייטנדע פאסטנס און אינוועסטמענטס כדי מיר זאלן ווייטער קענען בויען די שטערקסטע לעבן סייענס עקא-סיסטעם אינעם פאלק."

**עמפייער סטעיט אנטוויקלונג פרעזידענט, CEO און קאמישענער האופ נייטס האט געזאגט,** "די בייאדעפענס קאמערשעליזאציע געלטער איז גינסטיג פאר די סטעיט אויף מערערע אופנים - אויסבעטן די קאמערשעליזאציע וועג פאר חידוש'פולע פארשונגען, צולייגן פאסטן און אינוועסטמענט געלטער, צוציען נאך פונקטליכע געלטער, און מוטיגן וואוקס אין די לעבן סייענס עקא-סיסטעם."

רונדע דריי רעקאמענדירטע באלוינע נעמען אריין:

- **Rover Diagnostics (Brian Caplin, PhD) - 1.8 מיליאן דאלער –** ***Affordable and Adaptable real-time Nucleic Acid Amplification Test (NAAT) פלאטפארמע פאר***

***שנעלע דיאגנאזע אנטוויקלונג, רעאקציע, און באאבאכטונג:*** Rover Diagnostics בויט זיך אויף איר פריער פארגעשטעלטע אייגנארטיגע טעכנאלאגיע צו אנטוויקלען נידריגע-קאסטן קארטרידזש וואס מען קען איינשלינגען פאר'ן זאמלען און באארבעטן סוואבס אין די מאליקיולער דיאגנאזע מארקעט, און אן אפענע פלאטפארמע וואו נייע ניוקליעק אסיד אמפליפיקאציע טעסטס קענען שטעל אריינגעשטעלט ווערן אין די פלאטפארמע. די געמיש ווערן אנוויקלט צו שטיצן בייאדעפענס פארשער און פארשונג אנטוויקלער גרייטערהייט צו קענען אריינשטעלן פריער-באארבעטע קיטס אדער גרינגערהייט אנטוויקלטע *דע נאווא* לאבעטאריע טעסטס פאר ביא-דראאונגען וואס קומען ארויס און ערלויבט אז מען זאל עס גרינג קענען מאכן און געזונטהייט פאר סופליי-טשעין שטערונגען.

- **(Icahn School of Medicine at Mount Sinai (Gang Fang, Ph.D.) – ($498,365 –** ***פונקטליכע, סענסיטיווע און קאסט-אפעקטיווע באאבאכטונג פון אנטיבייאטיק אפהאלטונג:*** אויסצומיידן די שווערקייטן וואס קומט מיט די יעצטיגע קלינישע פראקטעצירונג און PCR-באזירטע צוגענג, אנטוויקלען דר. פאנג און זיינע מיטגלידער א חידוש'פולע געצייג צו דערגרייכן ביידע: הויכע עמפינדליכקייט און ספעציפישקייט פאר די באאבאכטונג פון אנטיבייאטיק אפהאלטונג. די טיעם וועט לייגן א דגש אויף פארשטעלן די טויגליכקייט און מעגליכקייט זיך צוצושטעלן אין אן ערשטע אפליקאציע פון יורינערי טרעקט אנטצינדונג ( urinary tract infection (UTI)), וועלכע איז שטארק צושפרייט צווישן פרויען און עלטערע מענטשן, נאכגעפאלגט דורך אן אויסברייטערונג פון אנדערע ביישפילן.

- **Columbia University (Ian Lipkin, M.D.) – ($500,000) –** ***CapSeq: אן עמפינדליכע געצייג פאר שנעלע אנדערע סארט דיאגנאזעס פון אנשטעקיגע קראנקהייטן און אנטדעקונג פון אנטי-מיקראביעל אפהאלטונג באשטאנדטיילן:*** די צענטער פאר אנטצינדונג און אימיוניטי (Center for Infection and Immunity) שטעלט צוזאם צוויי דיאגנאזעפארשונגען, VirCapSeq-VERT און BacCapSeq, צו שאפן א שטארקע, פולקאמע פלאטפארמע פאר באאבאכטונג און אלע סארט דיאגנאזעס פון אנשטעקיגע קראנקהייטן. VirCapSeq-VERT אנטדעקט אלע באקאנטע ווירוסן פון גרויסע חיות און פייגלעך וואס האבן די מעגליכקייט אויפצוכאפן ווירוסן וואס קומען ארויס וואס קענען אנלייגן א ריזיקע פון א פענדעמיע. BacCapSeq איז די קעגנזייטיגע סיסטעם פון אנטדעקן באקרעריעל פעטאדשינס און גיבט אויך דאטא אויף אנטימיקראביאל אפהאלטונג (AMR) באשטאנדטיילן וואס קענען איבערגעבן אנטיבייאטיק אויסוואלן פרי אין די צייט פון די אנטצינדונג. די געצייג וועלן ערמעגליכן עגנאסטישע מיקראביאל באאבאכטונג אין אן אויסוואל פון אפליקאציעס אריינגערעכנט קלינישע דיאגנאזעס, בלוט פראדוקט סקרינינג און אפפליסוואסער אנאלאזירונג.

- **Niagara University (Mary McCourt, Ph.D.) – ($261,488) –** ***אנטוויקלונג פון אן אלגעמיינע אנטי-ווירול טערעפיוטיק נוצנדיג קאלעסטאסאם טעכנאלאגיע:*** דר. מקקאורט'ס לאבעטאריע אנטוויקלט קאלעסטאסאם טראגנדע טעכנאלאגיע אויסצומיידן די קערפער'ס זינק רעגיולאציע, ערלויבנדיג אינטרעסעליולער קאנצענטראציעס וואס קענען צוברענגען אן אלגעמיינע אנטי-ווירוס רעאקציע. זינק איז א וויכטיגע סארט אייזן אין די מענטשליכע גוף, איז ביאלאגיש נויטיג צו שאפן צעלן, און קענען מאכן אינטרעסעליולער קאפיעס פון אן אויסוואל פון וויראל פעטאדשינס. די טיעם צילט צו אויפווייזן אז קאלעסטאסאם-אינקעפסיולירטע זינק האט די כח צו האבן א פאזיטיווע השפעה אויף פאציענט תוצאות אלס רעאקציע צו פעטאדשין אנטצינדונגען און מאכן פארמערן גרייטקייט פאר צוקומפטיגע ווירול אויסברוכן און פענדעמיעס.

דורך דריי אפליקאציע רונדעס, זענען 25.5 מיליאן דאלער אין בייאדעפענס קאמערשאליזאציע געלטער באלוינט געווארן צו 11 נייע און 16 אקעדאמישע אינסטיטוציעס. זייט איר אנהייב אין צעפטעמבער 2021, האט די בייאדעפענס קאמערשיליזאציע געלטער געהאלפן ברענגען די מארקעט אנשטעקיגע קראנקהייט לעזונגען, ארייגערעכנט דיאגנאזע, טערעפיוטיקס און אנדערע חידושים וואס אדרעסירן אדער פארשטייטערן די פארשפרייטונג פון ערנסטע אנשטעקיגע קראנקהייטן. פריערדיגע בייאדעפענס קאמערשיליזאציע געלטער באלוינטע שטעלן פאר פאזיטיווע עקאנאמישע השפעה פון די פראגראם, האבנדיג אוועקגעלייגט איבער 359 מיליאן דאלער אין דרויסנדיגע געלטער, שאפנדיג 22 נייע פאסטנס אין ניו יארק סטעיט, און געפיילט 22 פעטענט אפליקאציעס.

די בייאדעפענס קאמערשיליזאציע געלטער ווערט געפירט דורך אן עקזעקיוטיווע קאמיטע וואס רעכנט אריין פארשטייער פון ניו יארק סטעיט'ס דעפארטמענט פאר געזונטהייט, קאלאמביע יוניווערסיטעט, די מאונט סיני סקול פאר מעדעצין, און צוויי ווענטשור געלטער. א פאנעל פון מומחים פון די 'בייאו-פארמא' אינדוסטריע, לעבנס-וויסנשאפט ווענטשור קאמיוניטי און אקאדעמיע ווען איבערקוקן, אפשאצן און גיבן רעקאמענדאציעס צו ESD וועגן איינגעגעבענע אפליקאציעס. אין צוגאב, וועלן איבער 40 לערערס מיט אסאך ערפארונג אין אנהייבן און ביאפארמעסיוטיקעל אנטוויקלונג און קאמערשיליזאציע העלפן די וואס האבן באקומען פארבעסערן זייערע טעכנאלאגיעס צו קאמערשעליזאציע.

די באלוינטע פראיעקטן שטיצן ווייטער די שטאט'ס עקענאמישע אנטוויקלונג באמיאונגען דורכ'ן אויסשטעלן איר פראגראם צו פירמע און פאסטן שאפונג/אנהאלטונג און אויפשפארן נאך קאפיטאל. פירמעס וואס זענען באלוינט געווארן מיט בייאדעפענס קאמערשיליזאציע געלטער טיילונג מוזן צוזאגן צו בלייבן אין ניו יארק סטעיט כסדר טון ביזנעס פאר א מינימום פון דריי יאר נאך וואס די טיילונג איז פארענדיגט געווארן.

נייע פירמעס וואס אנטוויקלען גוטע דיאגנאזעס, וואקסינען, טערעפיוטיקס, און אנדערע חידושים צו פארמיידן, באהאנדלען, אדער אפהאלטן ערנסטע אנשטעקיגע קראנקהייט דראאונגען זענען איינגעלאדנט געווארן זיך איינצוגעבן פאר טיילונגען פון מערסטנס 4 מיליאן דאלער. ניו יארק'ס אקעדאמישע פארשונג אינסטיטוציעס קענען זיך אויך איינגעבן צו באקומען טיילונגען פון מערסטנס $500,000 צו העלפן שנעל נאכגיין פארגעשריטענע אינטעלעקטועל פראפערטי אין לעבן סייענסעס. מער אינפארמאציע איבער די בייאדעפענס קאמערשיליזאציע קען מען טרעפן דא.

**ניו יארק סטעיט'ס 620 מיליאן דאלערדיגע לעבן'ס וויסנשאפטן איניציאטיוו**
ניו יארק סטעיט האט אנגעהויבן א 620 מיליאן דאלער איניציאטיוו צו שטופן דעם וואוקסט פון א העכסטע קוואליטעט לעבן סייענס פארשונג אפטיילונג אין ניו יארק, ווי אויך פארברייטערן דעם סטעיט'ס מעגליכקייט צו קאמערציאליזירן די פארשונג און וואקסן די עקאנאמיע. די פילפאכיגע איניציאטיוו רעכנט אריין 320 מיליאן דאלער פאר סטראטעגישע פראגראמען וועלכע ציהען צו נייע ביאלאגישע וויסנשאפט טעכנאלאגיעס צו די סטעיט, הייבן אונטער קריטיש-וויכטיגע פובליק און פריוואטע סעקטאר אינוועסטירונג אין אויפקומענדע ביאלאגישע וויסנשאפט פעלדער און שאפן און פארברייטערן ביאלאגישע וויסנשאפט-פארבינדענע ביזנעסער און באשעפטיגונג אריבער גאנץ ניו יארק. לייען ניו יארק סטעיט'ס לעבנס סייענס איניציאטיוו סטראטעגישע פלאן דא.

די ביאלאגישע וויסנשאפט אינדוסטריע נעמט אריין די פעלדער פון ביאלאגישע טעכנאלאגיע, פארמא, ביאלאגישע-מעדיצינישע טעכנאלאגיע און לייף סיסטעמס טעכנאלאגיעס, און עס רעכנט אריין ארגאניזאציעס און מוסדות וואס גיבן אוועק די מערהייט פון זייערע באמיאונגען פאר די פארשידענע שטאפלען פון פארשונג, אנטוויקלונג, טעכנאלאגיע טראנספער און קאמערציאליזאציע. יעדן טאג

אנטוויקלען פירמעס אין דעם סעקטאר נייע מעדיקעל און פארמאסוטיקל דורכבראכן וועלכע האבן די פאטענציעל צו ראטעווען לעבנס, צי זאל עס זיין דורך נייע טעראפיעס אדער דאס פריצייטיג דערשפורן מחלות ווי קענסער און ניוראלאגישע מחלות. די פירמעס מאכן אויך באדייטנדע פארשריטן אין די געביטן פון אגריקולטור און ענווייראנמענטאלע ביאלאגישע טעכנאלאגיעס, העלפן שאפן א ריינערע און מער-אויסהאלטעוודיגע צוקונפט.

דורך פארשטערקערן מיטלען צו צוציהען, אינוועסטירן אין איינריכטונגען, און פארבעסערן צוטריט צו טאלאנט און מבינות, וועט ניו יארק באדייטנד העכערן איר טייל פון אינדוסטריע-פינאנצירטע פארשונג און אנטוויקלונג, שטיצן די קאמערציעליזאציע פון עקזיסטירנדע פארשונג, און ברענגען אריין אין דעם נעקסטן דור פון פארגעשריטענע טעכנאלאגיעס. אויסער די פארשריטן אין וויסנשאפט, וועט דער איניציאטיוו פלאצירן ניו יארק אלס א מאגנעט פאר אויפקומענדע פאבריצירונג באזירטע ביזנעסער, אונטערהייבן ראיאנישע עקאנאמיעס און שאפן טויזנטער דזשאבס.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418
שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: ny.gov/signup | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

זיך ארויסשרייבן